STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06252

GEZANG IN SHTUREM

Sara Birnbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה בירנבוים
געזאנג
אין
שטורעם
בועונאס איירעס

געזאַנג אין שטורעם

שרה בירנבוים

געזאַנג אין שטורעם

לידער

אַרויסגעגעבן פון
ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין „ה. ד. נאָמבערג"
אין ארגענטינע

בוענאָס איירעס
1950

PRINTED IN ARGENTINE

CANTARES EN LA TEMPESTAD

POESIAS

de SARA BIRNBAUM

Buenos Aires 1950

שרה בירנבוימס בוך לידער „געזאַנג אין שטורעם‟, איז אַ זאַמלונג לידער געשאַפן פון דער דיכטערין פאַר די לעצטע יאָרן פון יידישער קאַטאַסטראָפע און נייעם יידישן אויפקום. ס'האָט געווירקט אויפן געמיט פון דער דיכטערין און ווערט אָפגעשפיגלט אין אירע לידער וואָס זיינען טיפיש פּרוויאישע, לירישע, ווייכע און שטילע געזאַנגען.

שרה בירנבוים איז ניט קיין פנים חדשות אין דער יידישער דיכטונג. זי האָט אָנגעהויבן אין איר אַלטער היים, אין וואַרשע, אין דער גרופּע פון א. מ. ווייסנבערג. אין בוענאָס איירעס האָבן געדרוקט אירע לידער „די יידישע ציימונג‟, „די פּרעסע‟ און פאַרשיידענע זשורנאַלן אין לאַנד און אויסלאַנד און אייניקע פון די לידער זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ בוך־פאָרעם אין 1938 א. ט. „זינג איך מיר‟.

דאָס איצטיקע איז דאָס צווייטע בוך לידער פון דער דיכטערין, וואָס דערשיינט אין דער אויסגאַבע פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין „ה. ד. נאָמבערג‟ אין אַרגענטינע.

די אַרויסגעבער.

בוענאָס איירעס, 1950

I

געזאַנג אין שטורעם

די מאַמע

וואַנדערט, וואַנדערט, אום די מאַמע,
אויף די הענט איר קינד,
האָט זי נישט קיין וויגל —
וויגט זי עס אין ווינט.

וויגט זי עס און זינגט עס
פון דעם וואַנדער־וועג,
און זי זעט אין חלום
זיינע צוקונפט־טעג.

און זי זעט אים שפּאַנען
אין נאַכטיש טיפן פיין,
אין גלאַנץ פון זיינע אויגן
גליט אַ וואונדער־שיין.

די שיין — זי זאָגט אָן בשורות
פון אַ וואונדער־העלד,
וואָס ברענגט זון אויף קאָפּ
פאַר דער נאַכט פון וועלט.

אַ געבעט

לבנה, לבנה,
נישט שיין אַזוי העל,
אָט ליג איך באַהאַלטן
אין קעלער פאַרמאַכט.
און זע
דורך די שפּאַלטן,
ווי דו לייכטסט
אין דער נאַכט.

פאַרשלייער דיין פּנים
מיט וואָלקן פון קרעפּ,
זאָל שונא ניט זען
דעם קעלער, די טרעפּ.

וואָס פירן
צום לעצטן סוד
פון מיין מאַמען,
וואָס שעפּטשעט אין שטיל:
כ'וועל דיך היטן
פון אַלע פלאַמען.

ביי די שוועלן

וויינען מאַמעס
ביי די שוועלן,
הילט זיי נאַכט
מיט אירע פליגל,
הענגען זיי
די טרערן אויף
אויף יעדער טיר
וואו ס׳איז אַ ריגל.

וואוינען דאָרטן
הערצער ראָבן,
לאַכט מען פון די
מאַמע־טרערן,
ליגן מאַמעס
אויף די שוועלן,
מיט קינדער בלאָנדזשענדע
ווי שטערן.

קומט אַ שטורעם־ווינט,
אַ וויכער,
ברעכט ער אוים
טיר און שויבן.

און ס'צעפּאַלן זיך
די נעסטן,
פון די ווילדע
שוואַרצע ראָבן.

טוט אַ זון
אַ שיין פון מזרח,
בליען אויף
מאַמעס אויגן.
וואָרקען טויבן
שוין אַ בשורה,
פון אַ העלן
רעגנבויגן.

ביים ראַנד פון וועלט

ביים ראַנד פון וועלט
שטייט אַ צעלט,
וואוינט זיך דאָרט
די באָבע וועלט.

קוקט אַרוים
פון פענצטער־רוים,
און עס טונקלט
זיך איר טרוים.

— ווייסט נישט באָבע
פאַרוואָס ערד
איז פול אַזוי
מיט גיפט און שווערד?

און ים׳ען זענען
בלוטיק־רויט,
און מענטשן שלאָגן זיך
ביז טויט?

פרעגט זיך באָבע
ביי דער נאַכט:

— וואָס האָט מענטש
פון וועלט געמאַכט?

ענטפערט נאַכט
מיט טונקל־רייד,
און הילט זיך איין
אין טרויער־קלייד:

— נאָר, דו, באָבע,
זעסט דעם צער,
ווי די וועלט
איז אין געפאַר;

און שטערן ווערן
אויסגעברענט,
און גייען אוים
אויף מיינע הענט!

שלוכצט די באָבע
טיף אין זיך,
און ווישט די טרערן
מיט איר טוך...

און ווען זי וויינט
די אויגן אוים —
פיקט אויפסניי
א וועלט זיך אוים.

קוקן פלאַמען אין מיין שויב

קוקן פלאַמען
אין מיין שויב,
וואָרקעט אין נעסטן
אַ טויב,
— וועקט זיך מיין קינד.

שלאָגן זיך ברידער
אין גאַסן
פאַר מענטשלעכע רעכט,
— צאַפּלט מיין קינד
אין די נעכט.

טראָגט מען
הרוגים פון שלאַכט,
— צעוויינט זיך מיין קינד
אין דער נאַכט
און שרייט:
— טאַטע, טאַטע!..

דאָס אַש פון קרבנות

שטופּן זיך שטויבעלעך אַש
אין די רייען,
שטויבן פון טאַטעס,
שטויבן פון מאַמעס,
שטויבן פון זין, און פון טעכטער,
און פּיצעלעך קינדער
פון וויג.

וואָס פאַרברענט האָט דער שונא
אין זיין טונקעלעם פייער,
איצט ריידן זיי, ווי דורך אַ וואונדער
צום יידישן העלד:

צעגלי אונדזער אַש
אין דיין הערלעכן פלאַם,
זאָל יעדער שטויב אונדזער
ווי ליכטיקע זונען אויפגיין
און וואונדער באווייזן,
און וואונדער באווייזן.

— — — — — — — — — — — —

און געשען איז דאָס וואונדער,
יעדעס שטויבעלע אַש,
זיך אין הערלעכע זונען צעגליט,
און פאַרשרפה׳ט דעם שונא
מיט זיין גיפטיקע רוט.

צום פרילינג

פרילינג, פרילינג!
דו ביסט מיר ליב,
דאָך קאָן איך היינט
פאַר דיר נישט זינגען.

ווייל חרוב איז
מיין היים און לאַנד,
און איבער וועלט
די שווערדן קלינגען.

און האָט אַזוי
פאַרגלוסט זיך גאָט
אַ שפּיל אַזאַ
זיך מאַכן:

חרוב וועלטן,
מענטש צו שפּאָט,
און פון דעם
אַ שפּאַס זיך מאַכן.

זאָג מיר פרילינג,
צעגרינטער פריינד,

קאָן מען היינט
גאָטס פּראַכט באַזינגען?

ווען ערד איז פול
מיט בלוט און לייד,
און איבער מענטש
די שווערדן קלינגען.

די בענקשאַפט איז געבליבן

פאַרנאַכט
קוקן ביידע
דורך דער שויב,
זי שוין מער נישט יונג,
ער אויך
אין שאָטן שוין געהילט.

זי רעדט אין טונקלקייט
צו אים:
פון זון־פאַרגאַנג,
און פון מענטשן־טיגערס
וואָס מאַכן חרוב
היים און לאַנד.

וואו איר וויגל
איז געשטאַנען,
ערגעץ איבער
ימען ווייט.
אין אַ שטיבל
אויף אַ בערגל,
וואָס האָט געשפּיגלט
זיך אין טייך.

האָט די מאַמע
איר געזונגען,
און פאַרוויגט
מיט ברכות שטיל.
און דעם טאַטנס
הייסע תפילות
אָנגעצונדן
שטערן פיל.

איצט איז שטויב
פון אַלץ געוואָרן,
ס'איז היים פאַרגאַנגען
ווי די זון.
נאָר די בענקשאַפט
איז געבליבן,
ווי די לעצטע
פלאַמען־זון.

ניט שרעק זיך

ניט שרעק זיך פאַר דער נאַכט,
וואָס קוקט ווי׳ אַ מכשפה,
וואַרפט איר שוואַרצע קאַרט,
זאָגט דיר פאַר דיין זיין.
און זי וויל מיט שקר
פאַרטונקלען דיר דיין שיין.

מיטן ערשטן קריי פון האָן
צעפאַלט דאָס שוואַרצע רייך,
די נאַכט זי ווערט צערונען
מיט איר שקר גלייך.

אַ בינטל זשאַסמין

אַ בינטל זשאַסמין,
ווייס און פריש,
חלומט
אין קריגל וואַסער
אויפן טיש.

פון פרילינג-וועלט,
וואָס אייביק בליט,
פון צויבער-פייגל,
וואָס בענטשט מיט ליד.

פון קנאָספּן-קינדער,
וואָס בליען מיט פּראַכט,
און זיי שרעקט ניט
קיין וועלקן-מאַכט.

פּלוצים האָט אַ ווינט
דאָס פענצטער אויפגעפּראַלט —
פון די ווייסע
זשאַסמינען-בלומען
אַ בלעטל אָפּגעפּליקט.

האָט דאָס גאַנצע
בלומען־בינטל
מיט געל־פאַרצערטע ליפּן
דעם ווינט —
אַ קללה געשיקט.

נאָר איין קנאָספּל
איז געבליבן
עקשנותדיק
און פריש;
אויפגעבליט
מיט פרילינג־אויגן
אין קריגל וואַסער
אויפן טיש.

קוקט עס אויף דער וועלט,
דער נייער,
פון דעם פאַרצערטן
שטאַם אַרויס;
שפּרייט עס ריחות,
שפּינט עס פעדעם,
אַז זיין שטאַם
זאָל וואַקסן גרויס...

פאַר זון־אויפגאַנג

טרייסל אָפּ
די לעצטע טראָפּנס
פון דער נאַכט.
וויש אָפּ דעם טרויער
פון דיין פאַרצווייפלט
געזיכט,
אין מאָרגן־שטערנדיקן
ליכט.

דיין צעוואונדיקטע הויט
פון די גלות־טריט,
הייל אין די טויען
פון זון־אויפגאַנג.

און גלויב ווי דער אמת,
גלויב ווי דאָס קינד,
אַז זיבן זונען
דיין מאָרגן שפּינט.

דער לעצטער שמעטערלינג

דער לעצטער שמעטערלינג
פון זומער,
איז אריין
צו מיר אין צימער.

געשטעלט זיך אויפן פֿאַרהאַנג,
געשטעלט זיך אויפן בעט,
און אויסגעזשומעט
אַ געבעט:

הער מיך, מענטשן־קינד
נאָר אוים —
נישט טרייב מיך
פון דיין הויז.

ס׳האָט בייזער האַרבסט
מיין נעסט צעשטערט,
גראָז און בלום
האָט אָפּגעפּליקט דער ווינט,
ערגעץ אויף אַ נאַקעט צווייגל
פלאַטערט נאָך מיין קינד.

זאָל דיין פענצטער־ראַם
מיין שלאָף־בעט זיין,
ביז נייער פרילינג
וועט אַ בלענד טאָן
אין דיין שויב,
וועל איך דערוואַכן
פאַר דיר מיט תפילה
און מיט לויב.

מ י י ן ג ו ר ל

מיין גורל איז אַ פּרינץ
אין בעטלער־קליידער,
מיין גורל איז אַ העלד
און זיצט געפאַנגען.

קוקט מיין גורל
ווי פון תפיסה,
מיט אויגן, וואָס קאָנען
אַ וועלט פאַרשלינגען.

און מיין נשמה
פלאַטערט, פלאַטערט,
בויעט וועלטן
אין דעם שווייגן.

ברעכט מיין שווייגן
אויס אין דונערס,
צעפליסט מיין טרער זיך
אין אַ מבול.

שווענקט אַראָפּ
דאָס שלעכטס פון ערדן,
ברענגען טויבן
זונען־בשורות.

עס וואַרט די נאַכט ווי איך

עס וואַרט די נאַכט ווי איך,
עס וואַרט די נאַכט ווי דו,
און קיין שטערן איז נישטאָ,
און קיין שטערן איז נישטאָ.

לויפט די נאַכט ווי דו,
לויפט די נאַכט ווי איך,
נעמט איר האַרף מיט זיך,
נעמט איר האַרף מיט זיך.

לויפן מיר אין דריי
פעלד און טייך פאַרביי,
מיט האַרפן אין די הענט
וועקן מיר די שטערן
וואָס האָבן נישט דערברענט.

באַשאָטנטע פרייד

פלאַטערט אַ פויגל,
פליט מיט געיעג,
מיט בשורות פון שלום,
צעוואָרקען זיך טעג...

ווערט קראָעשע נאַכט,
— מילד ווייסע טויב,
וואָרקעט פון שלום
און קראַקעט מיט רויב.

דורך דעם איז מיין פרייד
באַשאָטנט און גרוי,
ווייל, עס נעסטיקט נאָך
אין מאָרגן די קראָ.

ניט געצערטלט איז מיין ליד היינט

ניט געצערטלט
איז מיין ליד היינט,
ניט געטוליעט,
ניט געגלעט.
ווייל איך וויל
געזאַנג פון שלום
קומען זאָל
אויף וועלט ניט שפּעט.

טרייסטן, וועקן,
מיט דיין קלאַנג,
זאָלסטו היינט
דעם נייעם טאָג,
וואָס ליגט דאָרט ערגעץ
ווי אַ פּליט,
אונטער וואָלקן
און ער קלאָגט.

אַ לידער־קראַנץ

איך פלעכט פון לידער
היינט אַ קראַנץ,
ווי אַ גערטנער
פון זיינע בלומען;
זינגט יעדעם ליד
מיט זיין געזאַנג
פאַר וועלט פון שלום,
וואָס וועט קומען.

שענקען וועל איך
דאָס דעם העלד,
וואָס פלעכט די פעלקער
אין אַ קראַנץ;
און אַלע לידער
וועלן זינגען,
פאַר דער וועלט
אַ שלום־טאַנץ.

מיין ליד א פויגל

זיי דו, ליד מיינס,
היינט אַ פויגל,
זיי די ווייסע
נח־טויב,
וואָס טראָגט
פאַר וועלט
אַ בלעטל גרין,
אַ צייכן —
אַז דער מבול
איז אַריבער,
וואָרקע אוים
אַ ניי באַגין.

דאָס געזאַנג פון העלד

מיך שרעקט ניט קיין דונער,
מיך שרעקט ניט קיין בליץ;
כ׳קום פון וואולקאַנען,
מיט פייער איך שפריץ.

דעם הונגער געזעטיקט,
מיט שרעק און מיט גרויל;
פארביסן פאַר שפייזן —
אַ בלוטיקע קויל.

געלאָפן צום שטורעם
האַלב נאַקעט אָן קלייד;
מיט מעכטיקע נעגל
געאַקערט, געזייט.

איצט שרעקט מיך ניט קיינער,
איך באָד זיך אין ים;
טראָג פון באַפרייאונג
אַ העלישן פלאַם.

אַ פלאַם וואָס וועט אויפגיין
ווי אַ הערלעכע פאָן;
אין יעדערן חושך
צעגליען אַ זון.

דאָס מאָרגנליד

אין זיבן שלייערן
היל איך דיך, ליד,
ווי לאַנג איך גרייַן דיך
אין מיין געמיט.

בליסטו פריי
ווי זאַנג אין פעלד,
וועט קיין הונגער
זיין אויף וועלט.

וועט קיין הונגער
זיין אויף שטראַל,
מיט קרוגן פולע
וועלן מאַמעס
גיין פון קוואַל.

זונען וועלן
שיינען זיבן,
אָפּווישן
דעם צער פון וועלט.

מענטש וועט זיך
ווי אַ גאָט דערהויבן,
און אויפבויען
זיין ניי געצעלט.

שלאָף איין, מיין קינד

שלאָף איין, מיין קינד,
ניט שרעק,
עס איז דער מבול
שוין אַוועק.
שווערע וואָלקן
שוין צערינען,
בלויע הימלען
קומען.

שלאָף שוין רואיק
איין, מיין קינד,
שווידערסט נאָך
פון קריג,
פון ווילדן פייער
וואָס האָט פאַרברענט
דיין וויג.

פון די אַלע
פיינען, שרעקן,
וועסטו אויסוואַקסן
אַ העלד.
און באַצאָלן די שונאים
פאַר דער
אומגעבראַכטער
וועלט.

וויין נישט

וויין נישט, פייגעלע,
שלאָף איין,
עס וויגט דער טייך שוין
די פישעלעך איין.

דער לעצטער זון־שטראַל
אויף באַרג פאַרגיים,
אויף שפּיצן פינגער
די נאַכט שוין טרעט.

זי ווישט די טרער
פון בלאַט און בלום,
הערט זיך צו
צו פייגל־ברום.

אין דעם פענצטער
דאָרט אין שויב,
לבנה פלאַטערט
ווי אַ טויב.

שיט מיט שטראַלן
ווי מיט צווייט,

צינדט דיין שטערן
אין הימל מיט.

וויין נישט, פייגעלע,
שלאָף איין,
עס וועט דיין לעבן
אַ לויטערער שטערן זיין.

די צוועלפטע שעה

שלאָף איין, מיין קינד,
האָב רו,
עס האָט געקלאַפּט
די צוועלפטע שעה.

דער שונא מוז איצט
פאַלן ווי א הינט
און דו ווערסט פריי
ווי א פרילינג-ווינט.

שלאָף שוין, שיינער,
צעשטראַלט ליכט,
— דיין שמייכל
ווישט דעם צער
פון ישראל׳ס געזיכט.

דיינע אויגן
— בלויע הימלען
פון יידיש לאַנד,
פאַרשאָלטן וועט
דער שונא זיין,

אויף אייביק
אָפּגעדאָרט זיין האַנט.

שלאָף איין, מיין קינד,
האָב רו,
עס האָט געקלאַפּט
די צוועלפטע שעה.

II

ווען עס שווייגט מיין ליד

ווען עס שווייגט מיין ליד

ווען עס שווייגט מיין ליד,
טונקט זיך מיין געמיט,
אין ימען טרויערן,
אָדער, אין ימען פרייד.

וויקלען זיך ווערטער
אין האַרץ, ווי די קנאָספּן,
שעפּטשען, איך זאָל זיי
צעבליען אין ליד.

נאָר שווייגנדע פרייד
איז טיפער פון ווערטער,
שווייגנדער טרויער
טיפער פון רייד.

בלייבן די ווערטער
פאַרוויקלט אין קנאָספּן,
פאַרהילן זיך טיף
אין מיין האַרץ.

מיין טאַטע

וואו איך זע אַ ספר ליגן
אַ סידור, אַ גמרא,
דאָרטן שוועבט
מיין טאַטנס אויגן,
הימלען בלויע
אויסגעשטראַלטע.

ווען ער פלעגט
אין ספר קוקן,
סיי ביינאַכט,
און סיי באַגינען,
האָבן תפילה׳ס
זיך צעלויכטן
אויף זיינע ליפּן
ווי רובינען.

און דעם טאַטנס
גמרא-ניגון,
פלעגט זיך שפּרייטן
ווי טרויבן-צוויטן.
און יעדער ווינקל
פון דער שטוב,
זיך געשפּיגלט
אין הייליקייט
צעבליטן.

כ׳האָב דערקענט מיינע טעג

כ׳האָב דערקענט מיינע טעג
די נישט דערלעבטע,
כ׳האָב דערקענט מיינע נעכט,
די נישט דערשטרעבטע.

אין רוישן פון קוואַלן
דערקענט זייער שטראָם,
אויף טורעמס פון פרייהייט,
דערקענט זייער טרוים.

אין קינדערשע שמייכלען
דערזען זייער פראַכט,
אין זונען וואָס וואַשן
דאָס שוואַרץ פון דער נאַכט.

דער חלום פון בעטלער

אויף טונקעלע, נאַכטישע טרעפּ
דרעמלט אַ בעטלער.
געדרייט אין אַ קנויל
איז זיין גוף,
און חלומט:
פון ברויט און פון וויין,
און אַ ווייכן געלעגער
צום שלאָף.

געלאַטעט זיין קלייד
איז מיט נאַכט,
דאָך ליבט אים אין חלום
אַ מיידל אַ פּראַכט.

זי גלעט און זי קושט אים
די פּעך־שוואַרצע האָר,
וואָס שויבערט דער ווינט
שוין גאָר לאַנגע יאָר.

זי ברענגט אים אַ ברויט,
— לבנה די גרויס,
אַ קריגל, מיט בלוט־רויטן וויין,
און וויגט און פאַרוויגט
זיין טונקעלע פּיין.

דו האָסט נישט געוואוסט

עס האָט געבליט
דער עפּלבוים,
און דו האָסט נישט
געוואוסט.
עס זענען פּירות
צייטיקע,
געפאַלן צו דיינע
פיס.

יונגע ווינטן
לוסטיקע,
געקומען צו דיין
טיר.
אָפּגערוט
פון זייער וועג,
געפייפט פאַר דיר
אַ שיר.

אויסגעזונגען
דיר אַ ליד,
ווי טייכן
האַלדזן זיך
אין שטיל.

און דער פרישער
קאָרן,
האָט צוגערוישט
אין מיל.

עס זענען פּירות
צייטיקע,
געפאַלן צו דיינע
פיס.
עס האָט געבליט
דער עפּלבוים,
און דו האָסט נישט
געוואוסט.

י. ל. פּרץ

דו ביסט געווען
און דו וועסט זיין!
ביסט דער נביא
און דער וויין.

דו ביסט דאָס ליכט
וואָס גייט נישט אויס,
דיין פּערל־וואָרט
פון ימען שוים.

איצט רעדט דיין גייסט
צו אונדז פון באַרג,
ווי אַ נביא
מילד און שטאַרק.

יעדעס וואָרט דיינס
ווי אַ ליכט,
צינדט אין יעדן
מענטשן־האַרץ.

אַלע מענטשן
זענען ברידער,

ווײַס, און ברוין,
און שוואַרץ.

אויסגעמישט האָסטו
די פאַרבן,
ברידערלעך און גוט
שטראָמט אין מיר נאָך
פון מײַן קינדהייט
דײַן נבֿואה־בלוט.

דאָס נעגער־געזאַנג

דו שמייכלסט, ווייסע,
פון מיין ליבע,
חוזקסט פון מיין
שוואַרצער רויז.
טיף אין האַרצן
לייכט מיין ליבע
ווי אַ שטערן
שיין און גרויס.

שפּיגל, ווייסע,
זיך אין שטערן,
זע, ווי לויטער
איז זיין גלאַנץ.
זעסט אַ גערטנער
פלעכט פון בלומען
פון אַלע פאַרבן
נאָר איין קראַנץ.

דער שיכפּוצער

אויף די קני
דער שוואַרצער פּוצער,
פּוצט די שיך
דעם ווייסן הער.
פּינקלט נאַכט
מיט לוסט און צויבער,
גליט ביי אים
אַ הייסע טרער.

פּוצט ער אַלץ
וואָס מער, און מערער,
זאַמלען טרערן
זיך אַ קראַנץ.
און עס צירן
זיך די ווייסע
מיט דעם נעגערס
טרערן-גלאַנץ.

די ווערן

שפּאַנט פון דאָרף
די שוואַרצע וועשן,
איילט מיט מידע טריט.
אויף איר קאָפּ
אַ ווייסן פּאַק,
וואָס פּאַלט אַראָפּ
און ווערט צעשיט.

קלייבט זי יעדעס
שטיקל גרעט,
ווי אַ שניטער
יעדן זאַנג.
ביז אויף אירע
טונקל־הענט,
בלייבט דער לעצטער
זון־פאַרגאַנג.

אַ נעגער־ליד

שוואַרץ איז מיין הויט,
נעגער מיין נאָמען,
איך וויל אַז אַ וועלט
אַ נייע זאָל קומען.

ניט האַסן זאָל מען
מיין טונקעלע הויט,
אין לאַנד פון די ווייסע
זאָל אויפגיין מיין ברויט.

די גאַסן־הענדלערן

אויף די קנייטשן
פון פּנים
פון דער אָרעמער
הענדלערן,
איז די זון
פאַרגאַנגען.

איר מידער בליק
האָט פאַרטונקלט,
די בלאָנדע קרויזן
פון דער זון.

און זי האָט איינגעדרימלט
ביי איר גראָשנדיקער
סחורה,
מיטן זעלבן חלום
ווי די זון.

די קראָען

די קראָען, די קראָען,
זיי האָב איך פיינט,
זיי קומען אָנזאָגן
אַ בשורה פון פיינד.

קומען פאַרשפרייטן
חושך און קעלט,
שרעקן די בלומען
אין גאָרטן אין פעלד.

קראַקען, און קראַקען,
אָן ענדע, אָן סוף,
די ליליען, די ווייסע
ציטערן ווי שאָף.

די רויזן, די רויטע,
מיט חכמה פאַרטראַכט,
ווילן אומברענגען
די קראָעשע מאַכט.

דאָס ים־הארץ

עס וויינט דאָס ים־הארץ
און כליפּעט,
רעדט צום שטורעם
מיט געוויין.

שטורעם, שטורעם!
וועלטן־קערער,
זע, איך בעט דיך,
שטיל זיך איין.

זיי נישט ווי דער
ווילדער פאסטעך —
נישט טרייב די וועלן
ווי די שאָף,
אָן סוף.

אַ ווילדן פייף
דער שטורם גיט,
לאַכט זיך פון דעם
ים־הארץ אויס,
זו - זו - זו,
פיו - פיו - פיו!

דערוואַכונג

דו ביסט אַ האַר
און ווילסט געווינען,
ווערן רייכער,
און מער לאַנד;
שטעל דיין לעבן
אין געפאַר,
זאָל בלוטיקן
דיין האַנט!

עס וויל דאָס פאָלק
שוין מער ניט געבן
זייער לעבן
פאַר דיין רום;
ווייל אַ זון
איז אויפגעגאַנגען
פאַר יעדן מענטש
פון אומעטום.

עס האָבן בשורות
זיך צעוואָרקעט,
ווי די טויבן
אין אַ נעסט:
אַז פאַרטרייבן
ווען פעלקער
יעדן האַר —
ווי אַ פעסט.

קינדער פון נייעם לאַנד

מיר זענען קינדער
פון נייעם לאַנד,
צונויפגעקניפּט
מיט פייער־באַנד.

כאָטש מיר זענען
נאָך נישט גרויס,
צערטלט אונדז
קיין מאַמעס שויס.

מיר לעבן פריי זיך
ווי די ווינטן,
ווי די ווינטן
אויפן סטעפּ.

מ׳טוט פאַר קיינעם
זיך נישט בויגן,
אונדזער שטאָלץ,
ווי אָדלער־קעפּ.

פעלדזיק פעסט
איז אונדזער מוט,

ס׳ברויזט ווי ימען,
אונדזער בלוט.

מיר זענען גרייט
אויף קאַמף און שלאַכט,
צו גליען זון
אין חושך.

איך ליב דיך

איך ליב דיך,
און וויל פון דיר
געליבט זיין,
און וויל
אז דיינע תפילות,
זינגען זאָלסטו
נאָר פאַר מיר.
כאָטש איך ווייס
דו ביסט שוין לאַנג
אַן גלויבן,
דאָך וויל איך:
אַז מיין ליבע
זאָל זיין פאַר דיר
אַ גלויבן,
און איך —
דיין גאָט.

דיין אויגן־גלאַנץ

דיין אויגן־גלאַנץ
האָט אויפגעוועקט,
אַ גאָלדן־פישל
אין מיין נשמה־טייך.

דיין שמייכל
האָט ווי אַ כישוף
אויפגעבראַכט,
דעם צויבער־חלום
פון אַ זומער־נאַכט.

און איך בין
זומערדיק צעהעלט,
עס שפיגלט זיך
מיין ליבע,
ווי מאָרגנזון
אין שויבן.

ד ו

צו דיין פעלדזן־ברוסט
האָסטו מיך געשמידט,
האָסט רובינען־שטיינער
געגאָסן פון מיין בלוט.

ביסט מעכטיק ווי דער אָדלער
און ווי פעלדזן פעסט,
שוועבסט מיט מיר דורך ימען
צו דיין פרייער נעסט.

*
*　*

עס האָט דער ווינט געצערטלט
די לאָקן פון דער נאַכט,
האָבן אירע אויגן
מיט שטערן אויפגעוואַכט.

און זי האָט געשמייכלט
מיט איר שוואַרצן חן,
האָבן זיך צעשטראַלט
מיט כּישוף אירע ציין.

ווינט האָט זיך צעשטורעמט
ביי איר לבנה־ברוסט;
ווערט די נאַכט פאַרשיכּורט
פון דעם ווילדן לוסט.

און זי דרימלט איין
אויף די הענט פון ווינט,
ביז דער טאָג וואַכט אויף,
ווי אַ וואונדער־קינד.

צו די בלומען

איך וועל לויפן
צו די בלומען,
וואָס מיין ליבער
האָט געפלאַנצט.
און פאַרזאָגט
האָט ער: פון זיי —
פלעכטן מיר
אַ קראַנץ.

נאָר פאַר זיי
וואָלט איך געקאָנט,
מיין טיפן צער
דערציילן,
אַז ביינאַכט
אין הימל,
טוט מיין שטערן
פעלן.

און זיי וואָלטן
הערן,
מיט טרויער
אויף מיר קוקן.

אין די בלומען —
בעכער,
שטיל די טרערן
שטיקן.

נאָר עס דאַכט מיר
ווי פון ווייטן,
ס׳שעפּטשען שטיל
צו מיר די בלומען:
ער איז געפאַלן
אויפן שלאַכט,
וועט צו דיר
שוין מער נישט קומען.

עס איז שפּעט

טונקל ווערט,
די זון פֿאַרגייט,
גיי, מיין קינד,
דעם טאָג באַגלייט.

צעלאָז די בלאָנדע
לאָקן-צעפּ,
היל דיך איין
אין שוואַרצן קרעפּ.

לויף אויף גיך
צום טייך ביים ברעג
דאָרט זעט זיך נאָך
אַ זונען-פלעק.

אַ שטילע תפילה
דאָרטן זאָג,
דעם טאָג, דעם טאָג,
באַקלאָג.

דער בלעטער־פאַל פון האַרבסט

אין דעם בלעטער־פאַל
פון האַרבסט,
שוועבט דער זומער־גאַם
אַרום.
פּרואווט אַ ווינטל
מאַכן מילד,
טוט אַ וואָלקן
אַ צעטרייב.

לויפן קינדערלעך
אַרום,
פרייען זיך
מיט זון פון האַרבסט,
און די זון,
מיט לעצטע כוחות
טוט די וועלט
אַ ברי,
און דער האַרבסט
מיט שווערע וואָלקן
טוט דעם הימל
אַ פאַרצי.

דריקט, און דריקט,
דאָס הימל־האַרץ
פון די וואָלקן
שווער,
צעגייט זיין האַרץ
אין רעגן־טריב —
דאָס איז
דעם הימלס טרער...

ס׳האָט טויט זיך פאַרגנבעט

(געהייליקט דעם אָנדענק פון י. מ. ווייסנבערג)

אין מיטן זומער
פאַרן שניט,
האָט טויט זיך פאַרגנבעט
מיט שטילע טריט.

ווי האַרבסטיקער רעגן
געקלאַפּט אין דיין שויב
עפן, עפן,
כ׳בין אַ טויב.

מיינע פליגל זענען נאַס,
שטורעם האָט מיין נעסט צושטערט,
די ווערבע טרויערט אויבעט מיט
און בויגט איר קאָפּ צו דר׳ערד.

לאָז מיך נעכטיקן
די נאַכט,
כ׳האָב אַ בשורה
דיר געבראַכט.

אַ בשורה
פון דיין שענסטן טרוים:
פאַלשע תורות
שווענקט אַ מבול;
עכטע, טובלען זיך
אין רוים.

דו האָסט געגלויבט,
דאָס פענצטער אויפגעמאַכט
האָט דער טויט
אַריינגעפלאַטערט,
און ביי דיר
אַ נעסט געמאַכט.

האָסט אַ קרבן
אָפּגעגעבן,
בלויז דיין גוף,
ניט דיין טרוים;
און אין דער לופט
האָט אַלץ געשעפּטשעט,
תפילהדיק דיין טרוים:
פאַלשע תורות
שווענקט אַ מבול;
עכטע טובלען זיך
אין רוים.

אַזוי איז דאָס לעבן

אַזוי איז דאָס לעבן,
נישט טרויער, נישט וויין,
כאָטש דער טייוול
פאַרטונקלט דיין שיין.

ער ווייזט דיר פּאַלאַצן
און שלעפּט דיך אין תהום,
אָט גליסטו ווי זונען,
אָט טונקלט דיין טרוים.

אַזוי איז דאָס לעבן
עס שמידט האַמער און שווערד,
אַזוי איז דאָס לעבן
געבורט און צעשטערט.

דער צווילינג

דאָס איז דער צווילינג
פון דער צייט,
דער צויבער־ניגון
פון דער פלייט.

געבורט און פאַרגיין
אַ שוועסטער־צווילינג,
איינע האַרבסט
די צווייטע פרילינג.

פוצט די ערשטע
זיך אין צווייט,
שפּאַנט די צווייטע
מיט דערנער־טריט.

צעשטראַלט די ערשטע
זיך אין רוים,
שלעפּט די צווייטע
איר אין תהום.

און אַזוי וועלט איין,
וועלט אוים —
שפּינען זיי
דאָס לעבן אוים.

האָסט אויפגעברויזט מיין בלוט

האָסט אויפגעברויזט
מיין בלוט,
ווי אַ שטורעם
דעם ים.
האָסט אויפגעלויכטן
ווי אַ גאָט,
פאַרברענט מיך
אין דיין פלאַם...

איצט בין איך
אויפסניי געבוירן,
צעשטראַלט
פון יענעם פלאַם.
וואָס האָט אויפגעברויזט
מיין בלוט,
ווי אַ שטורעם
דעם ים.

די עקשנותדיקע רויז

איך וועל דיך נישט
אריינלאָזן, האַרבסט,
כ׳וועל דיך טרייבן
דורך יעדן שפּאַלט
פון טיר.
מיט זון וועל איך
פאַרהענגען,
די פענצטער
פון מיין הויז,
און אייביק בלייבן
די פרילינג-
רויז.

כ׳וויל אַנטלויפן

כ׳וויל אַנטלויפן
פון מיין לאַנגווייל —
פון דער אָנגעשטייפּטער
שטאָט!
וואו איך מוז
מיין סוד באַגראָבן
פון מיין ברויזנדיקן
בלוט.

פון דער שטאָט
וויל איך אַנטלויפן!
די מענטשן זענען
ניכטער קליין;
זענען אַלע
ווי געשטאָרבן,
פאַר מיין שוימעדיקן
וויין!

וואַנדערן וועל איך
איבער וועלטן,
בלאָנדזשען איבער
וואַלד און סטעפּ;

און דער ווינט —
דער ווילדער שטיפער —
וועט צעפלעכטן
מיינע צעפּ!

און איך וועל אַלץ
בלאָנדזשען, זוכן,
איבער וועלטן,
גאַנץ אַליין —
ביז אַ נייער
דור וועט אויפגיין
פאַר מיין שוימעדיקן
ווייַן.

דיין נשמה — אַ פויגל־צווילינג

דיין נשמה —
אַ פויגל־צווילינג,
איינע איז
די שוואַרצע ראָב,
די צווייטע —
די בלויע טויב.

און זיי נעסטן זיך
צוזאַמען,
טרינקען ביידע
פון איין קוואַל;
נאָגט די טויב
דאָס זיסע אוים —
און די ראָב —
דאָס גאַל.

און זיי לעבן זיך
בשלום,
אַ וואונדער,
וואָס געשעט;
ווען די ראָב
קראַקעט ווילד,
וואָרקעט טויב
מיט תפילה׳ס מילד.

איך — דאָס לעבן

איך, דאָס לעבן,
בין דער כּישוף,
און באַכּישוף
גאָר די וועלט.
מענטשן, חיות,
פייגל, בלומען,
יעדער וויל
מיין ווײַן באַקומען.

מ'יאָגט זיך
און מען רייסט זיך,
צו די מילדע
כּישוף-בעכער.
וואָס זיי גלאַנצן
מיט אַ שיין,
תּמיד שוימט
אין זיי דער ווײַן.

איך, דאָס לעבן,
בין שוין זיכער,
אַז מען וועט מיך
שטענדיק ליבן.
זאָל אַפילו
מיין ווײַן זיין גאַל,
דאָך רייסט זיך יעדער
צו מיין קוואַל.

וואַרט נישט

טרינק פון בעכער,
ווען ער שוימט,
באָד אין טייך זיך
ווען ער שטראָמט.

כאַפּ די פישלעך
ווען זיי שווימען,
פון פרישע טייכן
ווען עס קומען.

לאָז דיך אין די וועלטן
פליען,
ריים די בלומען
ווען זיי בליען.

ניט לאָז פאַרביי
קיין איין מינוט,
ריים פון לעבן
וואָס ס׳איז גוט.

ניט וואַרט דיין קאָפּ
זאָל ווערן ווייס,

און דער טייך
א בריק פון אייז.

דער בעכער לער,
קיין בלומען בליען,
דו וועסט אין וועלטן
מער נישט פליען.

עס דרימלען די שטורעמס

עס דרימלען די שטורעמס
אין פעלדזישע בעטן;
פאַרוויגן די ימען זיי,
מיט כוואַלישע גלעטן.

שטיל אויף די פעלדזן,
מען הערט נישט קיין רודער,
עס ליגן די שטורעמס
געטוליעט, ווי ברידער.

זיי זעען אין חלום
וואולקאַנישע פלאַמען,
וואָס פלאַצן פון בענקשאַפט
נאָך שטורמישע ימען.

און ווען די ימען
פאַרוויגן די שטורעמס,
פאַרדרימלען זיי אויך
אין נאַכטישע אָרעמס.

דו

וועז איך מיש
די זכרונות-בלעטער,
פון מיין לעבן,
פון מיין צייט,
וואַקסטו אויס
אַ בלומען-שטורעם,
אויף מיין לעבנס-בייט.

דו ביסט געווען
מיין רעגן,
ביסט געווען
אי זון, אי ווינט.
ווען איך האָב
דאָס ערשטע ליד מיינס,
אין שטורעם-ווינט
געשפינט.

דו קוקסט מיט דיינע
מאַמע-אויגן,
אין אַלע פענצטער
פון מיין נשמה אַריין.

צערטלסט מיך,
וואַרעמסט מיך
מיט דיינע כישופן אוים,
ביז מיר ביידע
ווערן ליד.

דאָס ליד פון ניט דערזאָגטע רייד

מיר זענען
ניט דערזאָגטע
רייד,
דאָס איז אונדזער
צער,
און אונדזער
פרייד.

מיר זענען ניט
קיין פלאַנץ
פון סתם
אַ וועג,
וואָס עפנט
זיינע קנאָספּן,
פאַר וועג
און שטעג.

פאַר יעדן
מינדסטן ווינטל
וואָס עס בלאָזט,
צעפלאַפּלען זיך

די בלומען,
און דאָס גראָז.

מיר זענען גאָר
די קנאָספּן תפילות
וואָס היילִיקט
יעדן לייד.
די בלומען־טעמפּלען
פון געטלעכע
פרייד.

מיין ליד

איך האָב דיך, ליד מיינס,
אָפּגעלאָזט
אויף דער וועלטס
בּאַראָט:
קומסטו אָן
מיט מאָרגנטוי,
אין דער גרויער
שטאָט.

קומסטו אָן
מיט טרייסטער־טריט,
נביאיש
שטיל בּאַזאַכט;
דיינע ווערטער —
ווייסע טויבן,
פלאַטערן
דורך נאַכט.

און זיי וואָרקען
אוים אַ בשורה,

פאַר דיער וועלט
פון פּיין;
און לערע קרוגן
ווערן פּול —
מיט שוימעדיקן
וויין.

אַ שלעכטער ווינטער־חלום

עס חלומט זיך דעם ווינטער
אַז דער שניי ווערט שוואַרץ,
די זון, זי ברעכט זיין אייז-בריק,
עס צעגייט אין אים דאָס האַרץ.

די ערד זי קוקט שוין ווידער
מיט די צויבער שוואַרצע אויגן,
און די פרילינג-שוואַלבן
זענען לוסטיק דורכגעפלויגן.

און האָבן זיך צעזונגען
מיט פויגלשן געברום, —
דערוואַכט ער פון זיין חלום
מיט שרעק און טרויער שטום.

דערזעט ער אויף די וועגן
ווי ס'שווימט זיין האָב און גוטס,
די פערל-ווייסע שנייען
צעטאַפּטשעט מיט די פיס.

דער ווינטער נעמט דערפילן
זיין שונא — פרילינג גייט.

דערזעט אין יעדער טייכל
פרילינגדיקע פרייד.

צעגייט זיין האַרץ פון ווייטאָק
און לאָזט פון צער אַ טרער,
צעשווימט ער אין די טייכן
און ער ווערט נישט מער.

ערב - פרילינג

שרייבט דער פרילינג
צום ווינטער אַ בריוו:
צעבליען זיך אותיות
אין ווינטן-געשטיף...

באַפעלט ער דעם ווינטער:
פאַרנעם זיך און גיי,
לאָז פריי מיינעביימער,
גיט פאַר דיר רוישן זיי.

זיי רוישן און רופן
איך זאָל זיי באַגרינען,
די נאַקעטע צווייגן
מיט בלומען באַשפינען.

ווייל דו מיט דיין הויך
האָסט פאַרלאָשן די פרייד,
געלאָזט זיי פאַר שטורעם
נאַקעט אָן קלייד.

טאָ נעם דיין געפעק,
דעם טרויער מיט זיך,

זאָל צערונען דיין וועזן
אין טייכן אויף גיך.

— — — — — — — —

ווען וועסט לעזן מיין בריוו,
וועל איך זיין שוין אין וועג,
מיט פויגל־געזאַנג
און זוניקע־טעג.

פ ר יי נ ד

פריינד זענען ווי בלומען,
פריינד זענען ווי ווינט,
האָב איך אויך אין פרילינג
אַ פריינד זיך אויסגעגרינט.

גלויב איך אין דער פריינדשאַפט,
ווי אַ פרומער ייד,
ציטערט אויף מיין האַרץ,
צעשטראַלט זיך אין אַ ליד.

זינג איך שוין דעם ניגון
פון פרילינגדיקן צווייט:
ביז דער קאָרן
איז אויפגעגאַנגען
האָט די פריינדשאַפט
אָפּגעבליט.

— — — — — — — — —

און איך גלויב נאָך אַלץ
אין פריינדשאַפט.

ווי דער פרילינג
אין זיין צווייט.
אין דעם מענטש
מיט פולע קערנער,
ווי די זאַנגען
פאַרן שניט.

אינהאַלט:

	זייט
די מאַמע	9
אַ געבעט	10
ביי די שוועלן	11
ביים ראַנד פון וועלט	13
קוקן פלאַמען אין מיין שויב	15
דאָס אַש פון קרבנות	16
צום פרילינג	17
די בענקשאַפט איז געבליבן	19
ניט שרעק זיך	21
אַ בינטל זשאַסמין	22
פאַר זון-אויפגאַנג	24
דער לעצטער שמעטערלינג	25
מיין גורל	27
עס וואַרט די נאַכט ווי איך	28
באַשאַטנטע פרייד	29
ניט געצערטלט איז מיין ליד היינט	30
אַ לידער-קראַנץ	31
מיין ליד אַ פויגל	32
דאָס געזאַנג פון העלד	33
דאָס מאָרגנליד	34
שלאָף איין מיין קינד	35
ווינט נישט	36
די צוועלפטע שעה	38

2-טע אָפּטיילונג

ווען עס שווייגט מיין ליד	43
מיין מאַמע	44
כ'האָב דערקענט מיינע טעג	45
דער חלום פון בעטלער	46
די האָסט ניט געוואוסט	47
י. ל. פרץ	49

	זייט
דאָס נעגער־געזאַנג	51
דער שיכפוצער	52
די וועשן	53
אַ נעגער־ליד	54
די גאַסן־הענדלערן	55
די קראָען	56
דאָס ים־האַרץ	57
דערוואַכונג	58
קינדער פון נייעם לאַנד	59
איך ליב דיך	61
דיין אויגן־גלאַנץ	62
דו	63
***	64
צו די בלומען	65
עס איז שפּעט	67
דער בלעטער־פאַל פון הארבסט	68
ס'האָט טויט זיך פאַרגנבעט	70
אַזוי איז דאָס לעבן	72
דער צווילינג	73
האָסט אויפגעברויזט מיין בלוט	74
די עקשנותדיקע רויז	75
כ'וויל אַנטלויפן	76
דיין נשמה אַ פויגל-צווילינג	78
איך, דאָס לעבן	79
וואָרט נישט	80
עס דרימלען די שטורעמס	82
דו	83
דאָס ליד פון ניט דערזאָגטע רייד	85
מיין ליד	87
אַ שלעכטער ווינטער־חלום	89
ערב-פרילינג	91
פריינד	93

ביז איצט דערשינען:

שרה בירנבוים

זינג איך מיר

לידער

Este libro ha sido terminado
el día 5 de enero de 1950
en los Tall. Gráf. CULTURA,
Sarmiento 2157 - Buenos Aires